# שמיני

א. אין פסוק „ואת הכוס ואת ה־שלך ואת הינשוף"[1] שטעלט זיך רש"י פריער אויפן ווארט „השלך" און איז מפרש: „פירשו רבותינו[2] זה השולה דגים מן הים. וזהו שתרגם אונקלוס ושלינונא", און נאכדעם איז ער מפרש די אנדערע צוויי מינים, „כוס" און „ינשוף" (כדלקמן ס"ב).

דארף מען פארשטיין:

א) אין פסוק שטייט דאך „הכוס" פאר „השלך" — פארוואס איז רש"י משנה זייער סדר אין זיין פירוש און פארטייטשט דעם ווארט „כוס" ערשט נאך זיין פירוש אויף „השלך"[3]?

ב) בעת רש"י זאגט דעם אפ־טייטש פון די אנדערע מיני עופות אין פרשה (אויך ביי „כוס וינשוף" וואס אין דעם פסוק גופא) ברענגט ער ניט קיין מקור צו זיינע פירו־שים. פארוואס דוקא דא, ביי „השלך", שרייבט ער „פירשו רבותינו" און איז נאך מוסיף „וזהו שתרגם אונקלוס כו'" און באגנוגנט זיך ניט בלויז מיטן זאגן דעם פירוש אליין: „זה השולה וכו'"?

ג) די תמי' איז נאך גרעסער: ווען רש"י ברענגט פון תרגום אונקלוס א ראי' צו זיינעם א פירוש (צוליב דעם וואס דער פירוש איז ניט אזוי גלא־טיק), זאגט ער דעם לשון „וכן תרגם" וכיו"ב. פארוואס זאגט ער אין אונזער פסוק דעם לשון „וזהו שתרגם כו'" וואס דערפון איז משמע אז ער איז גאר אויסן (ניט צו ברענגען א ראי' פון תרגום אונקלוס, נאר) צו מפרש זיין דעם תרגום — און דאס איז לגמרי ניט מובן: רש"י האט דאך געשריבן זיין פירוש אויף חומש און ניט אויף תרגום אונקלוס?

ד) אויף צו וויסן וואס עס מיינט „שלך", וואלט געווען לכאורה גענוג ווען רש"י זאגט „השולה דגים" (און „דגים" געפינען זיך דאך אין ים) — אזוי ווי דער תרגום אונקלוס[4] פאר־טייטשט: „ושלינונא" — צוליב וואס דארף רש"י צוגעבן אז ער איז „שו־לה" די דגים „מן הים"?

ב. נאכדעם ווי רש"י טייטשט אפ דעם ווארט „השלך", זאגט ער ווייטער: „כוס וינשוף — הם צואיטוש הצועקים בלילה ויש להם לסתות כאדם. ועוד אחר דומה לו שקורין ייב"ץ".

לערנענדיק דעם פירוש פון רש"י בהשקפה ראשונה, קומט אויס, אז די ווערטער „ועוד אחר דומה לו כו'" קומען בהמשך צום סאמע אנהויב פונעם פירוש „הם צואיטוש כו'" —

1) פרשתנו יא, יז.

2) חולין סג, א

3) ופשוט שאין לומר שמכיון שפירושו ב„כוס" בא ביחד עם פירושו ב„ינשוף", לכן מפרש זה לאחרי שמפרש „השלך" לפי ש„הינשוף" נאמר בכתוב אחר „השלך" — כי אדרבה: צריך לפרש ע"פ סדר הכתוב, ומכיון ש„הכוס" נאמר בכתוב לפני „השלך", הו"ל לרש"י לפרשו מיד (ובדרך אגב — גם פירוש „הינשוף") — לפני שיפרש „השלך".

4) משא"כ בתיב"ע „שלינונא מן ימא". וראה לקמן הערה 21.

ד. ה. אַז ריידנדיק וועגן ביידע מיני עופות, „כוס וינשוף" איז רש"י מפ־רש: „הם" (די צוויי עופות זיינען — איינער פון זיי איז) „צואיטוש כו' ועוד אחר דומה לו (און דער צוויי־טער פון זיי, וואָס איז ענליך צום צואיטוש) שקורין ייבץ".

און דאָס וואָס רש"י זאָגט אויך ביי „צואיטוש" לשון רבים, „הצועקים כו' ויש להם כו'" — הגם אַז ער רעדט דאָ וועגן בלויז איין מין עוף („כוס" אָדער „ינשוף") — איז דאָס דערפאַר וואָס, אַנדערש ווי ביי אַנדע־רע מינים, ווערט וועגן מין „צואיטוש" גערעדט אין אַ לשון רבים (אַזוי ווי מען געפינט אין לשון קודש, לדוגמא, אַז ביי געוויסע מינים פון זאַכן, ווי למשל מים, ווערט גענוצט נאָר לשון רבים).

און מהאי טעמא רופט רש"י אָן אויך דעם נאָמען פונעם מין: „צואי־טוש" (און ניט „צואיט") מיטן צוגאָב פון אות שי"ן ביים סוף פונעם נאָמען וואָס ווייזט (אין דער פראַנצויזישער שפּראַך) אויף לשון רבים (אַזוי ווי אין אידיש און ענגליש) — ווייל ביי דעם מין באַנוצט מען אַלע מאָל אַ לשון וואָס באַציט זיך צו די עופות אַלס רבים.

ג. אָבער אין אמת'ן קען מען אַזוי ניט לערנען, ווייל (לבד זאת וואָס רש"י גופא, אין זיין פירוש אויף ש"ס, פאַרטייטשט דעם זעלבן מין אין אַ ל' יחיד: „ציאיט" [5] אָדער „צואיטה" [6]) ביים סיום פון דעם פירוש גופא זאָגט

5) חולין שם ד"ה קיפוף.

6) שם ד"ה באות. ובברכות נז, ב ד"ה קיפופא — צואיטא (באלף).

רש"י אַז דער צווייטער מין, „ייבץ", איז „דומה לו" (צו „צואיטוש") בלשון יחיד — קען מען דאָך שוין ניט אָננעמען אַז אויף צואיטא פּאַסט דוקא דער לשון רבים; און ס'איז אויך שווער צו זאָגן, אַז אין זעלבן פירוש זאָל רש"י פריער ריידן וועגן דעם מין בלשון רבים און באַלד דערנאָך — בלשון יחיד.

איז דערפון מוכח, אַז מיט זיין פירוש „הם צואיטוש הצועקים בלילה ויש להם לסתות כאדם" (בלשון רבים) מיינט רש"י צו מפרש זיין ביידע מינים אַז סיי „כוס" און סיי „ינשוף" זיינען דאָס די פייגל וואָס רופן זיך „צואיטוש" [7]. ד. ה. הגם אַז אין פראַנ־צויזיש ווערן ביידע מינים באַצייכנט מיט איין אַלגעמיינעם נאָמען, פונ־דעסטוועגן צעטיילט זיי דער פסוק דורך צוויי באַזונדערע נעמען — „כוס" און „ינשוף" — ווייל אין לשון־קודש איז ניטאָ אַזאַ נאָמען וואָס זאָל זיי כולל זיין צוזאַמען.

אָבער היות ס'איז שווער צו זאָגן אַז אין לשון־קודש זאָל ניט זיין קיין שם כללי פאַר ביידע סאָרטן צואי־

7) ומה שהפסיק ביניהם ב„שלך", כי (א) גדולה מזה מצינו למ"ד מקשין הכאה כו' (רש"י משפטים כא, טז). (ב) אולי יש תכונה בשלך שדומה לכוס יותר מינשוף. ועוד י"ל.

ומה שבפרשת ראה (יד, יז) נמנה שלך ביחד עם קאת ורחמה, י"ל שבשלך כמה וכמה תכונות. מהם שדומה לכוס וינשוף, ומהם — לקאת ורחמה. (ועד"ז הוא גם בנוגע לתנשמת, שבפ' שמיני נמנה עם קאת ורחם, ובפ' ראה — עם כוס וינשוף, כי כו"כ תכונות בו). וגדולה מזה מצינו, דקרח נאמר עליו „בני עשו" (וישלח לו, ה) — מפני שדומה להם, שהיתה להם אם אחת.

טוש[8] (וועלכע האָבן אַ געמיינזאַמקייט צווישן זיך וואָס דערפאַר רופן זיי זיך מיט איין נאָמען אין פראַנצויזיש) — דעריבער איז רש״י מוסיף (לרווחא דמילתא) נאָך אַ פירוש: „ועוד אחר דומה לו שקורין ייבע״: אַז היות ווי אויך דער מין ייבע איז ענליך צו צואיטא, קען מען זאָגן, אַז איינער פון די צוויי, „כוס״ אָדער „ינשוף״, איז אַ נאָמען פאַר (אַלע סאָרטן) „צואיטא״, און דער צווייטער איז „ייבע״[9].

ד. ס׳איז אָבער ניט מובן: וויבאַלד ס׳איז גלאַטיקער צו זאָגן, כנ״ל, אַז מיט די צוויי נעמען איז דער פסוק אויסן צוויי באַזונדערע מינים (און ניט אַזעלכע וואָס קענען באַצייכנט ווערן ווי צוויי אָפּצווייגן פון דעם זעלבן מין גופא) — פאַרוואָס׳זשע לערנט רש״י בתחילת (עיקר) פירושו אַז „כוס״ און „ינשוף״ זיינען ביידע נכלל אין דעם מין צואיטא?

דעריבער מוז מען לערנען, אַז די ווערטער „כוס״ און „ינשוף״ טראָגן אין זיך אַ געוויסע באַדייטונג וואָס ווייזט אַז דערמיט ווערט געמיינט דער מין „צואיטא״ [וואָס מצד דעם איז אפילו אין זיין צווייטן פירוש, אַז איינער פון זיי מיינט ייבע איז רש״י מדגיש „דומה לו״[10], אַז דאָס וואָס מען קען זאָגן אַז „כוס״ צי „ינשוף״ מיינט ייבע איז עס דערפאַר ווייל ער איז דומה צו צואיטא].

דאַרף מען פאַרשטיין: וואו ליגט אין די ווערטער „כוס״ און „ינשוף״ די אַנדייטונג אויפן מין „צואיטא״?

ה. לכאורה האָט מען געקענט מסביר זיין: דאָס וואָס רש״י לערנט (בתחילת פירושו) אַז „כוס״ און „ינ־שוף״ זיינען ביידע „צואיטה״, איז עס דערפאַר וואָס אַזוי האָט ער געהערט פון רבותיו. און וויבאַלד אַז בנוגע צו וויסן וועלכער עוף ווערט אָנגערופן מיט אַ בעשטימטן נאָמען איז ניט שייך צו זאָגן סברות, און דער איינ־ציקער מקור אויף דעם איז בלויז „מסורה״, דערפאַר שרייבט רש״י ב־תחילת פירושו (וואָס דאָס איז דער עיקר פון זיין פירוש) אַז ביידע זיי־נען „צואיטוש״.

און אפילו נאָכדעם ווי רש״י לערנט ווייטער, אַז עס קען זיין אַז איינער פון זיי איז „ייבע״ (ווי עס לייגט זיך ע״פ שכל אַז די צוויי ווערטער פון פסוק זיינען צוויי באַזונדערע מינים), איז ער פונדעסטוועגן מוסיף „דומה לו״, ווייל בכדי צו קענען לערנען אַז „כוס״ אָדער „ינשוף״ איז „ייבע״ (אַנדערש ווי ער האָט געהערט פון זיין רבי׳ן אַז ביידע זיינען צואיטוש) איז זיך רש״י סומך אויף דעם וואָס ייבע איז ענליך צו צואיטה, און מצד

8) וגוסף לזה: אפילו באם נאמר כן, עדיין קשה — הרי הי׳ יכול לומר רק אחד מהם ובהוספת תיבת „למינו״, ובמילא היו יודעים גם את השני. שהרי אפילו כשאין דומין זל״ז נכלל ב„למינו״ (רש״י לעיל פסוק יג). ובפרט ש„ייבע״ דומה ל„צואיטה״.

9) וי״ל, שמכיון שהם שני מינים שונים ורק שדומים זל״ז, לא היינו לומדים אחד מהשני — אפילו באם הי׳ נאמר „למינו״.

10) אבל אין לומר שכוונת רש״י ב„דומה לו״ הוא רק בכדי שהתלמיד ידע איזה מין הוא — כי זה יודע התלמיד גם מהלעז (היינו משפה המדוברת של התל־מיד) „ייבע״ (ראה לקמן ס״ז).

דער ענליכקייט צווישן זיי, האָט מען אויך דעם צווייטן מין־„ייבץ" אָנגע־נומען ווי „צואיטה" (ד. ה. אַז אויך דער צווייטער פּירוש איז באַגרינדעט אויף דער מסורה).

אָבער דער הסבר האַלט ניט אויס. ווייל איז זיין פירוש על הש"ס [11] זאָגט רש"י קלאָר, אַז „קריא" (דער תרגום פון „כוס") איז „ייבץ", און „קפופא" (דער תרגום פון „ינשוף") איז „צואיטא" — און ס'איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז אויך זיינע פירושים אין ש"ס (בנוגע נעמען־ווערטער) האָט ער מקבל געווען מרבותיו. איז במילא שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס אין זיין פירוש אויף חומש נעמט ער אָן (ב־תחילת ועיקר פירושו) אַז ביידע, סיי „כוס" (קריא) און סיי „ינשוף" (קפו־פא) זיינען צואיטוש — אַנדערש ווי בפירושו על הש"ס?

ו. אויך ביים טייטש פון „תנש־מת" [12] (אין אַ פסוק ווייטער) געפינט מען, אַז בפירושו על התורה איז רש"י משנה לגבי פירושו על הש"ס:

אין זיין פירוש אויף גמרא [13] זאָגט רש"י צוויי טייטשן אויף תנשמת: צום ערשטן פאַרטייטשט ער אַז דאָס מיינט „ציאיט" און דערנאָך זאָגט ער „ולי נראה שקורין קלבא שוריץ" [14]; בפּי־רושו על התורה זאָגט ער בפשיטות: „התנשמת היא קלבא שוריץ כו'" און דעם פירוש פון „ציאיט" דערמאָנט ער אינגאַנצן ניט (אפילו ניט אַלס אַ צווייטן פירוש), טראָץ דעם וואָס ער איז דער ערשטער בפירושו על הש"ס.

ס'איז אָבער דאָ אַ חילוק צווישן זיי: דאָ, ביים פירוש אויף תנשמת, איז פאַרשטאַנדיק דער טעם פונעם שינוי: הגם ביי רש"י אַליין קומט

---

11) ברכות שם.

12) טעם השינוי דפרש"י פרשתנו (יא, יט. וכן בפ' ראה יד, יח) בנוגע לדוכיפת, שבחומש מפרש שהוא „תרנגול הבר . . הרופא" ובחולין שם ד"ה שהודו כפות — פואון שלבייא:

הפירוש דהתיבות פואון שלבייא הוא (ראה ערוך השלם מע' דכיפת) טווס ה־יער* [פואון — טווס (פרש"י ב"ק נה, א. חולין קטז, סע"א). שלבייא — ה־יער]. וטווס דומה לתרנגול עד דקס"ד דמין אחד הם ולא רק בשם (ב"ק שם).

והנה כיון שכו"כ סימנים פירש בו רש"י, ושווים הם בפירושו עה"ת ובש"ס — אאפ"ל שדיעות מחולקות הן. ואולי אפ"ל, שבחומש הזכיר המין דדוכיפת המצוי יותר — וגם בן חמש (למקרא) רואהו (וא"צ ללכת היערה), אף שגם הוא נק' „הבר" (בערך סתם תרנגולת). משא"כ בש"ס שמסיים „וזהו שהביא שמיר לבית המקדש", שהוא מין דוכיפת שאינו מצוי (שלכן צ"ל „בדקו קינא" — גיטין סח, ב). — ובפרט לה־נוסחא בפרש"י עה"ת „ת"א נגר טורא" — ולא שבא בהמשך להקודם. ועפ"ז מובן בפשטות מה שרק זה השמיט רש"י בפ' ראה. אף שגם לנוסחתנו י"ל.

13) חולין שם (סג, א).

14) ואף שמקורו של רש"י לפי' תיבות אלו הוא מה שקיבל מרבותיו (או מה שראה בדברי חז"ל) כנ"ל ס"ה — שאני בנדו"ד. כי מכיון שההוכחה להפי' שתנשמת היא קלבא שוריץ היא [לא (רק?) לפי שתיבת תנשמת רומזת לזה — וכמו כוס וינשוף שמורים לצואיטא וייבנץ (ראה לקמן סי"א — כ"א] לפי שצ"ל שכל מיני תנשמת (שבעופות ושבשרצים) דומות זל"ז (ראה לקמן הערה 17), הרי הוכחה זו היא חזקה כ"כ עד שמפרש באו"א מכמו ששמע מ־רבותיו.

*) והוא עוף טמא. משא"כ טווס (פואון) סתם (ראה שו"ת הצ"צ חיו"ד סי' ס אות ו). וכמו התרנגול — טהור, ו(תרנגול) ברא טמא (נדה נ, ב) — ונפשט הצ"ע דהתו"ת.

אויס („נראה לי") אַז תנשמת איז „קלבא שוריץ", וויל ער אָבער בפי־רושו על הש"ס, וואָס איז נוגע ל־הלכה, ניט בויען אינגאַנצן (אָדער אפילו באופן עיקרי) אויף דעם פשט וואָס אים געפעלט און ער ברענגט דערפאַר לכל לראש דעם פירוש ש־שמע מרבו [15].

(און מהאי טעמא גופא, ווייל ס'איז נוגע להלכה, ברענגט ער אויך זיין פירוש: וואָרום כשם ווי ער מוז זיך רעכענען מיטן פירוש ששמע מרבו, אַזוי טאָר ער אויך ניט מעלים זיין דעם פירוש וואָס ביי אים קומט אויס [16]. ניט מער, וואָס בנוגע להלכה וועגט ביי אים איבער דער פירוש וואָס ער האָט מקבל געווען מרבותיו, און דער־פאַר איז זיין פירוש — דער צוויי־טער).

משא"כ אין זיין פירוש על התורה, וואו ער לערנט איין די פסוקים על דרך הפשט, האַלט ער ניט אַז ער דאַרף איינלערנען לויט דעם וואָס ער האָט מקבל געווען פון זיין רבי'ן, ווען אים אַליין איז „נראה" אַז דער פשט איז באופן אחר — און ברענגט דערפאַר נאָר זיין פירוש [17].

אָבער בנוגע דעם טייטש פון „כוס וינשוף", וואָס אויך מצד השכל לייגט זיך צו זאָגן כנ"ל, אַז די צוויי נע־מען זיינען צוויי באַזונדערע מינים, בלייבט די קשיא הנ"ל: פאַרוואָס לערנט ער בתחילת (עיקר) פירושו „הם צואיטוש", און ניט ווי בפירושו על הש"ס אַז „כוס" איז אַ באַזונ־דערער מין (ייבץ)?

נאָך מער תמי': אפילו זיין צוויי־טער פירוש (אין חומש) גלייכט זיך ניט אויס מיט זיין פירוש אויף ש"ס: בפירושו על הש"ס זאָגט רש"י באופן ברור אַז כוס (קריא) איז יבנץ, און ינשוף (קפופא) איז צואיטה; אָבער אין זיין (צווייטן) פירוש אויף חומש זאָגט ער בלויז אַז איינער פון די צוויי (כוס וינשוף) איז יבנץ און דער צווייטער איז צואיטה, ניט זאָגנדיק דערביי ווער איז וואָס.

ז. נאָך אַ זאַך דאַרף מען דאָ פאַרשטיין:

אין די פירושים פון רש"י ביי די נעמען פון די עופות אין חומש, זיי־נען פאַראַן דריי אופנים [18] ווי ער

---

15) ראה יד מלאכי כלל תרסג.

16) ראה שבועות לא, רע"א.

17) וי"ל שהוכחת רש"י שתנשמת היא קלבא שוריץ היא, כמו שמפרש בעצמו (חולין שם) „שדומה לטלפא שבשרצים". כי מסתבר לומר, שתנשמת שבעופות דומה ל(טלפא, שהיא אליבא דכו"ע) תנשמת שב־שרצים.

ועפ"ז יובן גם מ"ש רש"י בפירושו עה"ת (ד"ה תנשמת — פסוק יח) „ותנ־שמת האמורה בשרצים היא דומה לה כו' " *

— דלכאורה: הרי פסוק זה איירי בתנשמת שבעופות, ומה נוגע כאן תנשמת שבשרצים — כי זוהי הוכחתו ע"ז שתנשמת שבעופות היא קלבא שוריץ, כנ"ל.

18) וישנם שמות של עופות שאינו מפרשב כלל — וי"ל בב' אופנים: (א) כי התלמיד יודע זאת מעצמו, וכמו „נשר" (שלכן מביאו רש"י בפירושו מהפסוק (יתרו יט, ד) ואינו מפרשו שם. וראה ראב"ע כאן פסוק יג: ידוע). (ב) שאינם מצויים כלל, ובמילא לא יועיל הפירוש — וכמו פרס ועזני' שאינם מצויים בישוב (חולין שם).

---

*) בראם כאן, שכוונת רש"י היא לפרש שתנשמת זו היא לא התנשמת ה־אמורה בשרצים. אבל: (א) גם לולי פרש"י יבין זאת התלמיד מעצמו. (ב) ענין זה לא נזכר בפרש"י כלל.

פאַרטייטשט זיי: ס'זיינען דאָ נעמען פון עופות וואָס רש"י פאַרטייטשט זיי בלויז אויף פראַנצויזיש (ניט אָנ־געבנדיק קיין סימנים צו דערקענען זיי), אַזוי ווי ביי „נץ" וואו ער גיט בלויז דעם פראַנצויזישן נאָמען „איש־פרויר"; ביי אַנדערע פון די עופות זאָגט ער, פאַרקערט, בלויז זייערע דערקענונג־סימנים און ניט ווי זיי רופן זיך אין פראַנצויזיש — ווי ביי „שלך": „השולה דגים מן הים"; און פאַראַן אַ פאַל וואו ער פאַרטייטשט די נעמען פון די עופות דורך, ביידע וועגן, ווי ביי „כוס וינשוף": „הם צואיטוש" און ער גיט אויך צו — „הצועקים בלילה ויש להם לסתות כאדם".

בנוגע די ערשטע צוויי אופנים קען מען זאָגן, אַז רש"י נוצט זיך מיט די „בלעז"־ווערטער בלויז[19] אין פאַל וואו דורך אויסמאָלן די סימנים פו־נעם פויגל, וועט דער „בן חמש ל־מקרא" נאָך ניט וויסן גענוי וואָס פאַר אַ פויגל דאָס איז.

אָבער בנוגע דעם דריטן אופן (וואו רש"י איז מפרש דעם מין עוף דורך ביידע מיטלען — דורך זיין פראַנ־צויזישן נאָמען און אויך דורך זיין אייגנאַרטיקער תכונה — אַזוי ווי למשל ביי כוס וינשוף) פאָדערט זיך ביאור: וויבאַלד רש"י נעמט אָן אַז מ'מוז אָנקומען צום טייטש אויף פראַנצויזיש („צואיטוש") איז פאַר־וואָס דאַרף ער נאָך נוסף לזה אויך צוגעבן דעם אָפּטייטש „הצועקים ב־לילה כו'" — אויב דער לעז־וואָרט איז געגנוג ביי „נץ", למשל, פאַרוואָס זאָל עס ניט מספיק זיין ביי „כוס וינשוף"?

ח. איז דער ביאור בכל זה:

עפ"י דרך הפשט לייגט זיך צו זאָגן, אַז דער נאָמען פון יעדער זאַך ווייזט אויף איר תכונה. ווי דער אבן עזרא (וואָס אויך זיין פירוש איז לויט דרך הפשט — נאָר ניט דער דרך הפשט פון רש"י) איז מבאר ביי אַלע שמות העופות, ווי אַזוי דער נאָמען דריקט אויס די אייגנשאַפט, אויסזען (אד"ג) פון דעם עוף.

און דערפאַר איז פאַר זיין פירוש אַז „שלך" איז „השולה דגים כו'", דאַרף רש"י מקדים זיין „פירשו רבו־תינו" — וואָרום אלולא זאת, וואָלט די סברא נוטה געווען צו לערנען ווי דער אבן עזרא זאָגט, אַז שלך איז אַ פייגל וואָס „מנהג תולדתו להשליך ילדיו":

היות אַז דער וואָרט „שלך" איז נעענטער (גלייכנדיק זיך מיט אַלע אותיות) צום לשון השלכה ווי צום לשון שולה (ובפרט אַז אין באַדייט איז השלכה מלמעלה למטה, דער היפוך פון „שולה" — מלמטה למע־לה) —

דערפאַר זאָגט רש"י „פירשו רבו־תינו זה השולה דגים כו'", אַז אַזוי האָבן מפרש געווען „רבותינו", ד.ה. וויבאַלד ס'איז ניט קיין ענין פון דרש, נאָר (פירשו) אַ טייטש וואָס רבותינו האָבן אונז געלערנט, איז דאָך ניט שייך צו בוחר זיין אין אַן אַנדער פירוש וואָס איז מער לפי דרך ה־פשט, וכנ"ל ס"ה, אַז בנוגע אַ טייטש דאַרף מען מפרש זיין כפי המסורה.

---

ועד"ז י"ל בנוגע לשאר העופות (שהתלמיד אינו יודע מעצמו) שאינו מפרשם. וכן בנוגע „כח" (לקמן פסוק ל).

19) שהרי כתב את פירושו בלשון קדש.

ט. פרעגט דער תלמיד אַ שאלה: כשם ווי ביים שלך איז דאָ די תכונה צו „שולה" זיין דגים, אַזוי איז דאָך אויך ביי אַנדערע עופות טורפות פאַראַן די תכונה צו „שולה" זיין — אַן אַנדער מין טרף — היינט פאַרוואָס זאָל מען דוקא דעם שולה־דגים אָנרופן מיטן נאָמען שלך?

צוליב דעם איז רש"י מוסיף „השולה דגים מן הים": אַלע עופות הטורפות זיינען שולה בלויז זאַכן וואָס זיינען אויבנאויף. משא"כ דער פייגל, וויבאַלד ער איז שולה דגים פון דער טיפעניש[20] פון ים, וואָס די תכונה פון אַרויפהויבן און אַרויסציען („שולה") איז ביי אים אין אַ בולט'ן און גרויסן אופן (ניט ווי ביי די אַנדערע עופות וואָס זייער „שולה" זיין דעם טרף איז פון דער יבשה, אָדער אפילו פון ים אָבער פון אויבנאויף), דעריבער איז דוקא פאַר אים צוגעפּאַסט דער נאָמען „שלך".

י. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין, וואָס רש"י איז ממשיך „וזהו שתרגם אונקלוס ושלינונא", ווייל פון דעם ברענגט ער אַ ראי' אַז ס'איז שייך אָנצורופן דעם פייגל מיטן נאָמען „שלך" פון לשון „שולה" — הגם אַז אין דער כללות התכונה פון „שולה" איז ער ניט אויסגעטיילט פון אַנדערע פייגלאַך:

פון דעם וואָס דער נאָמען פון דעם פויגל בלשון ארמי איז שלינונא — וואָרום אונקלוס מיט זיין מתרגם זיין „ושלינונא" מיינט דאָך דאָ ניט מפרש ומבאר זיין די תכונות פון דעם פויגל — ער איז בלויז מתרגם (ווי רש"י איז מדייק „וזהו שתרגם כו'"), ער זעצט איבער זיין נאָמען אין לשון ארמי; ד.ה. אַז דער פויגל ווערט גערופן על שם וואָס ער איז שולה[21], לייגט זיך דעריבער צו זאָגן, אַז אויך דער נאָמען „שלך" (בלשון קדש) איז מצד דעם וואָס ער איז שולה, כנ"ל.

און דערפאַר זאָגט רש"י דעם לשון „וזהו שתרגם כו'", ווייל זיין ראי' פון תרגום אַז אויך „שלך" פּאַסט דער לשון „שולה", איז טאַקע דורך מפרש זיין דעם תרגום[22]: דורך זיין ביאור אַז דאָס וואָס אונקלוס איז מתרגם „ושלינונא" איז עס אַז דערפאַר הייסט דער פייגל מיט דעם נאָמען מצד דעם וואָס ער איז שולה — דערפון קומט אַרויס די ראי', אַז דאָס איז אויך דער טעם פון דעם נאָמען „שלך" (אין לשון קדש), כנ"ל.

יא. ע"פ הנ"ל, אַז רש"י זוכט צו מפרש זיין ווי די שמות העופות וויזן אויף זייער ענין, וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם וואָס לאחרי ווי רש"י איז מפרש אַז „כוס וינשוף" זיינען „צואיטוש", איז ער מוסיף „שהם צועקים בלילה ויש להם לסתות כאדם" — הגם אַז דער תלמיד פאַרשטייט

---

20) ראה חולין שם (הובא לקמן סי"ג): כי הוה חזי שלך אמר משפטיך תהום רבה. וברש"י שם: עד תהום רבה כו'.

21) ועפ"ז יומתק מה שמדייק רש"י „שתרגם אונקלוס" — אף שכ"ה גם בתיב"ע, ואדרבה: בתיב"ע מוסיף גם „מן ימא" (כל' רש"י מן הים) — כי [נוסף לזה שתיב"ע הוא לא לפי דרך הפשט (ראה לקו"ש ח"ח ע' 82 ובהערה 2)] בתיב"ע אפשר לומר ש„שלינונא" (הוא לא שמו של העוף, כ"א ש)מבאר את ענינו, שהרי מוסיף גם „מן ימא".

22) ראה לעיל ס"א קושיא הג'.

פראַנצויזיש [23] — ווייל דערמיט איז ער מרמז ווי די תכונות פון „צואי־טוש" זיינען מרומז אין די נעמען „כוס" און „ינשוף":

„כוס" איז פון לשון „מכוסה" [24] — ווייזט עס אויף עפּעס אַ שייכות מיט לילה (היפך פון אור, יום), ווען אַלץ איז פאַרדעקט מיט דער פינסטערניש פון נאַכט; און אַזוי אויך ביי „ינ־שוף" וואָס דער נאָמען גופא, מלשון „נשף" [25], ווייזט אויף לילה [24] — און זייער שייכות מיט לילה, לערנט רש"י, באַשטייט אין דעם וואָס זיי זיינען עס די „צואיטוש הצועקים בלילה".

אָבער דערמיט אַליין איז זיך רש"י ניט מסתפק. וואָרום ס'זיינען דאָ נאָך מינים פייגל מיט דער תכונה וואָס האָט אַ באַזונדער שייכות מיט לילה — אַזוי ווי „תנשמת" וואָס איז „פּור־רחת בלילה" [26] — מוז מען זאָגן, אַז דאָס וואָס „צואיטוש" הייסן „כוס" און „ינשוף" איז (ניט בלויז דער־פאַר וואָס אַט די נעמען ווייזן אויף „לילה", נאָר) אויך צוליב נאָך תכו־נות פון די דאָזיקע פייגלעך וואָס זיינען מרומז אין „כוס וינשוף".

— און דאָס איז וואָס רש"י איז מוסיף „ויש להם לסתות כאדם": אויך דער ענין איז מרומז אין זייערע נע־מען, ווייל דערמיט וואָס זייערע באַקן זיינען בולט'ע, פולע, אַזוי ווי ביי אַ מענטשן (און ניט קיין איינגעפאַלענע ווי ביי אַנדערע עופות) איז מתאים צו פאַרגלייכן זיי צו אַ „כוס", וואָס קען אַריינגעמען אין זיך וואַסער אָדער אַנדערע משקאות;

און אַזוי אויך בנוגע „ינשוף": דער תלמיד האָט שוין געלערנט אין אַ פריערדיקער סדרה [27], אַז „בשיפה" מיינט בלאָזן — און ביים בלאָזן ווערן דאָך די באַקן פול און בולט — און דאָס איז דער אָנדייט פון נאָמען „ינ־שוף" אויף צואיטוש וואָס האָבן „לס־תות כאדם".

אָבער מיטן ענין פון „ויש להם לסתות כאדם" אַליין באַגנוגנט זיך ניט רש"י, ווייל דאָס וואָס „יש להם לסתות כאדם" האָט ניט צו טאָן מיט דער תכונה, נאָר מיטן געשטאַלט פון די פייגל — און ס'איז מסתבר צו זאָגן אַז דער נאָמען זאָל אויסדריקן די תכונה, וואָס איז מער עיקר־זאַך ווי דער אויסזען (און ווי מען זעט טאַקע ביי „שלך" וואָס צייגט אויף דער תכונה פון „השולה דגים") — דערפאַר נעמט אָן רש"י אַלס ערשטן פּרט דעם ענין פון „הצועקים בלילה" וואָס דאָס איז די תכונה פון צואי־טוש; נאָר היות אַז דאָס איז נאָך ניט מספיק, כנ"ל, איז ער דעריבער מוסיף „ויש להם לסתות כאדם".

יב. אָבער דאָ פרעגט דער תלמיד אַ שאלה [28]: פון דעם אַליין וואָס איין פייגל הייסט „כוס" און איי־נע „ינשוף" איז דאָך משמע, אַז דער חילוק צווישן די צוויי מינים פייגל דריקט זיך אויס אין דעם חילוק צווישן זייערע נעמען. אָבער

23) שלכן אינו מבאר (לעיל טז) מהו אשפרויר. וראה לעיל ס"ז.

24) ראה גם ראב"ע ובעה"ט כאן.

25) לשון הפסוק — ישעי' ה, יא. כא, ד ועוד. ובפרש"י (ושאר מפרשים): לילה.

26) רש"י פסוק יח. (ובראב"ע (פסוק יט), שגם עטלף הוא עוף המעופף בלילה).

27) בשלח טו, יו"ד. רש"י שם.

28) נוסף למשנת"ל סעיף ג' ובהערה 8.

לפי הנ"ל אַז די צוויי נעמען (סיי „כוס" סיי „ינשוף") ווייזן ביידע אויף דער זעלבער תכונה („צועקים בלילה") און אויף דעם זעלבן אויסזען („לסתות כאדם") — דאָס הייסט, אַז די נעמען ווייזן בלויז אויף די תכונות כלליות פון צואיטוש, אָבער ניט אויף די תכונות פרטיות אין וועלכע עס איז אָפּגעטיילט איין סאָרט צואיט פון דעם צווייטן — היינט פאַרוואָס הייסט פאַרט איין צואיט מיטן נאָמען „כוס" און דער צווייטער מיטן נאָמען „ינשוף" ?

דעריבער איז רש"י מוסיף „ועוד אחר דומה לו שקורין ייבץ", אַז ס'איז דאָ נאָך אַ פייגל וואָס איז בלויז דומה (ענליך אין געשטאַלט[29]) צו צואיט, ד. ה. אַז זי האָט בלויז „לסתות כאדם"[30], זי איז אָבער ניט צועק בלילה[31] — ובמילא קען מען זאָגן, אַז דער חילוק צווישן „כוס" און „ינשוף" איז, אַז איינער פון זיי ווייזט אויך[32] אויף דער תכונה פון „צועק בלילה" און ווערט גערופן „צואיטה"; און איינער פון זיי ווייזט בלויז אויף דעם ענין פון „לסתות כאדם" און ער איז דער נאָמען פאַר „ייבץ". אָבער ער האָט ניט קיין הוכחה (עפ"י דרך הפשט[33]) וועלכער איז כוס און וועלכער איז ינשוף"[34].

---

29) כפשטות המשמעות דלשון „דומה" (מלשון דמות). — אף שלשון זה שייך גם על דמיון ב„תכונה", „שם" וכיו"ב (ראה פרש"י לעיל יג).

30) אבל אין לומר להיפך, שייבנץ דומה לצואיטא רק בזה שצועק בלילה, כי — נוסף לזה שפשטות המשמעות דלשון „דומה" הוא לענין דמות (כבהערה הקודמת) — בנדה כג, א מפורש שגם קריא (שלפי פרש"י ברכות שם הוא יבנץ) יש לו לסתות כאדם — ובנוגע למציאות הרי אין לחלק בין הפי' עה"ת או על הש"ס. (וראה לקמן הערה 33).

31) בפרש"י ד"ה קריא וקיפופא (נדה שם): עוף הצועק בלילה כו'. אבל אפשר, שבנדה שם מפרש שקריא וקיפופא הם שניהם צואיטוש — וכפי' הראשון (העיקרי) שבפירושו עה"ת. (ומה שבברכות נז, ב מפרש שקריא הוא יבנץ — ראה לקמן הערה 33).

32) אבל אין לומר (גם לפי' זה) שאחד מהם רומז רק ל(צועק ב)לילה ומה שיש לו לסתות כאדם (ראה לעיל הערה 30) אינו מרומז בשמו — כי לפ"ז, מאי שנא מתנשמת (וכנ"ל סי"א).

33) משא"כ בברכות שם מפרש רש"י „קריא — יבנץ. קפופא — צואיטא" — כי בברכות שם נוגע ענין המיאוס שבדמותם. וצריך לומר, שסדר העופות שם הוא בהסדר דזו ואצ"ל זו [שהרי קורפראי, שנמנה שם באחרונה, מסתבר שהיא תנשמת *, ותנשמת היא „באות שבעופות" (חולין שם. וראה מהרש"ל שם שבאות פירושו מאוס)], לכן מפרש שקריא היא יבנץ וקפופא צואיטא, כי צואיטא היא מגונה יותר מקריא. (ויש לומר שלכן מפרש רש"י שם „ויש לה (לשון יחיד) לסתות כאדם" — אף שזהו גם בקריא (נדה שם. וכמו שמסיים שם עצמו „לפיכך הן מגונים") — כי בצואיטא הוא ביותר). ובזה מבאר רש"י הסדר שבגמרא שם.

34) לכאורה מסתבר לומר (לפי פירוש השני) ש„כוס" הוא יבנץ ו„ינשוף" — צואיט, כי (א) הדמות דלסתות כלחיי אדם, שייך יותר ל„כוס" מאשר ל„ינשוף". כי לסתות אלו הם ככוס, משא"כ ינשוף אינו מורה על הלסתות עצמן, ורק על המסובב

---

*) כי באם היא עוף אחר, יוקשה: מדוע משמיט בברכות שם תנשמת — עוף הכי מגונה. ומה שנקרא קורפראי (ולא קיפוף כבחולין שם), יש לומר, שיש לו ב' שמות. ולהעיר שהשם קורפראי דומה להשם קורפדאי (בשינוי אות **אחת**), וכן ברש"י שם נקרא **טלפא** — אותו השם שבו נקרא תנשמת, „באות שבשרצים" (ראה לעיל הערה 17).

אָבער דעם פשט זאָגט רש״י בלויז אַלס אַ צווייטן פירוש, ווייל לויט דעם פשט וועט דאָך אויסקומען אַז איינער פון די צוויי נעמען ווייזט בלויז אויף דעם געשטאַלט פון דער פייגל און ניט אויף איר תכונה — און אין שכל לייגט זיך צו זאָגן, כנ״ל, אַז בשעת אַ זאַך ווערט גערופן מיט אַ נאָמען וואָס באַצייכנט עפּעס אין דער זאַך, ווערט עס צום אַלעם ערשטן געטאָן בשייכות דער תכונה פון דער זאַך — דערפאַר נעמט רש״י אָן בתחלת ועיקר פירושו „הם צו־איטוש״, וואָס לויט דעם קומט אויס אַז די נעמען „כוס וינשוף״ ווייזן אויף די תכונה, די תכונה פון „הצועקים בלילה״, כנ״ל.

און דאָס איז אויך די הסברה וואָס רש״י איז מקדים זיין פירוש אויף „השלך״ אײדער ער איז מפרש „כוס״ — ווייל זיין פי׳ אין „השלך — זה השולה דגים״ (אַז דער נאָמען „שלך״ איז צוליב דער תכונה פון די פויגל) איז מוכיח, אַז מסתם איז אַזוי אויך ביי די אַנדערע שמות העופות. וואָס מצד דעם איז מסתבר (כפי׳ הא׳) אַז כוס וינשוף הם צואיטוש, כנ״ל.

יג. פון די ענינים פון „יינה של תורה״ אין פירוש רש״י דידן:

בנוגע צו שלך, זאָגט די גמרא[2]: ר׳ יוחנן כי הוה חזי שלך אמר מש־פטיך[35] תהום רבה. טייטשט רש״י: ומשפטיך אף בתהום רבה שזמנת שלך לשפוט ולעשות נקמתך בדגת הים להמית המזומנים למות.

און פון דער גמרא האָט דער אַלטער רבי געבראַכט אַ ראי׳[36] צו שיטת הבעש״ט אַז אַלע ענינים זיינען בהשגחה פרטית — ניט ווי די וואָס זאָגן אַז השגח״פ איז נאָר במין ה־אדם[37] — וואָרום מען זעט דאָך, אַז אויך אויף דגים איז פאַראַן אַ דין ומשפט פרטי, און דער אויבערשטער איז מזמין דעם שלך ער זאָל כאַפּן די דגים (פרטים) אויף וועלכע ס׳איז אָפּגע׳פּסק׳נט געוואָרן דער דין של־מעלה.

און אָט דעם ענין איז רש״י מרמז מיט די ווערטער „פירשו רבותינו זה השולה דגים מן הים״, כדלקמן.

יד. ס׳איז ידוע[38], אַז דער וואָרט „טבע״ איז פון לשון „טבעו[39] בים סוף״. און דער פירוש בזה איז: כשם ווי די זאַכן וואָס זיינען פאַרטרונקען אין ים, זיינען זיי דאָך פאַראַן דאָרט בשלימות, ס׳איז נאָר — וואָס מען

---

מהם (שאז אפשר לנשוף). (ב) „נשף״ (ה־תוכן דהשם ינשוף) פירושו לילה, משא״כ „כוס״, גם כשנפרש שהוא מלשון כיסוי — הרי כיסוי אינו לילה ורק שבלילה הדברים הם מכוסים.

ומה שרש״י סותם — כי יש סברא גם להיפך: מכיון שלפי פי׳ השני, השם של כל עוף מורה (כנ״ל בפנים) על תכונתו המיוחדת (במה שהוא נבדל מזולתו), מסתבר לומר שהשם „כוס״ מורה לא רק ע״ז שלסתותיו דומות בכללות ללחיי אדם, כ״א שדמיון זה אצלו הוא יותר מבינשוף. ולכן י״ל שכוס הוא צואיט, כי הלסתות שלו דומות יותר ללחיי אדם מהלסתות דיבנץ, כבהערה הקודמת.

35) תהלים לו, ז.

36) ראה יהל אור לתהלים שם סק״ג. ד״ה כל המאריך תרפ״ו פ״ג. מים רבים תשי״ז פ״ג (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נד).

37) מו״נ ח״ג פי״ז בסופו. אבל ראה ד״ח (יג, א־ב), שכוונת הרמב״ם שם היא לענין פנימית ההשגחה, שהשגחה זו אינה בדצ״ח.

38) ראה ד״ה מה טובו תרפ״ט פ״ג.

39) בשלח טו, ד.

זעט זיי ניט (מצד דערויף וואָס דער ים איז אויף זיי מעלים); אַזוי איז אויך דער ענין פון „טבע": אויך אין אים איז פאַראַן אלקות, וכנ"ל אַז אַלע מאורעות וואָס אין וועלט בכל פרטיהם ופרטי פרטיהם זיינען בהשגחה פרטית פונעם אויבערשטן, נאָר וואָס דען — די לבושי הטבע זיינען (לויט'ן רצון הבורא געמאַכט אַזוי אַז זיי זיינען) מעלים אויף דעם חיות אלקי, אַז מען זאָל אים ניט זען בגלוי.

און דאָס איז דער רמז אין לשון רש"י „השלך — פירשו רבותינו זה השולה דגים מן הים", אַז דאָס וואָס „פירשו רבותינו"[40] בנוגע צו „שלך" — דער פירוש וואָס „רבותינו" זאָגן בשייכות מיט אים „משפטיך תהום רבה", דאָס[41] („זה") איז וואָס נעמט אַרויס („השולה") די „דגים" פון זייער העלם והסתר — „ים":

אלולא די גמרא הנ"ל וועגן „שלך", וואָלט מען געקענט מיינען אַז די הנהגה ביי דגים איז בדרך מקרה ח"ו [און ווי ס'איז לכאורה משמע פון לשון הגמרא[42] „מה דגים שבים כל הגדול מחבירו בולע כו'"]; און דער פירוש הנ"ל פון רבותינו בנוגע צו „שלך", נעמט אַרויס די דגים פון דעם העלם הים און ווייזט אַז זייער הנהגה איז בהשגחה פרטית.

און דערפון לערנט מען אָפּ אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע בעלי חיים[43], און אויך בנוגע צו צומח און אפילו בנוגע צו דומם[44] — אַז אַלע זייערע ענינים זיינען בהשגחה פרטית.

(משיחות ש"פ שמיני ואחו"ק תשכ"ח)

---

40) להעיר מהמדובר במ"א במ"ש אדה"ז (שעהיוה"א בתחלתו) „ופירש הבעש"ט ז"ל" — אף שנמצא במדרש שוח"ט (הובא בלקו"ת אחרי כה, ג) — שהבעש"ט פירש וגילה כו' (ראה גם קונט' ח"י אלול תש"ג שיחה ג' – סה"ש תש"ג ע' 146 ואילך).

ועד"ז הוא גם בנדו"ד, שאדה"ז „פירש" וגילה המרז"ל דחולין. וי"ל, שגם ענין זה נרמז ב„פירשו רבותינו".

41) במקומות שהובאו בהערה 36 מובא גם מרז"ל (ב"ר פע"ט, ו) גם צפור מבלעדי שמיא לא מתצדי. אבל ראה קה"י מע' השגחה, שיש לפרש „דהקול הלז הי' מהשר שלהם". משא"כ בחולין, הרי מפורש „משפטיך". ועפ"ז מובן מה שאדה"ז הביא תשובה נצחת מש"ס חולין דוקא (וכלשון הצ"צ בי"א שם „ומכאן כו'". ובד"ה כל המאריך ומים רבים שם: „ומזה כו'").

וגם זה נרמז בלשון רש"י „זה השולה כו'", ש(מרז"ל בנוגע) שלך הוא (דוקא) השולה כו'.

42) ע"ז ד, א. אבל ראה מקומות שבהערה 36, שאדרבה: מזה שמסיים בגמרא שם „אף בנ"א כו'", מוכח שזה שבדגים „הגדול מחבירו בולע כו'" הוא בהשגחה, שהרי „בבנ"א ודאי ההשגחה פרטית לכו"ע".

43) ובדוגמת, מה שבדרך הפשט, הפירוש ב„שלך" מוכיח על (הפירוש ב)כוס וינשוף, כנ"ל סוף סעיף יב.

44) כי אין סברא לחלק ביניהם (ולהאומרים שדומם וצומח אינם מושגחים בהשגחה פרטית — ס"ל כן גם בחי).

# שמיני ב

א. דער לעצטער פסוק פון דער סדרה איז: „להבדיל בין הטמא ובין הטהור ובין החי׳ הנאכלת ובין החי׳ אשר לא תאכל״.

שטעלט זיך רש״י (אין צווייטן דיבור) אויף „בין הטמא ובין הטהור״ און איז מפרש [1]: „צריך לומר בין חמור לפרה [2]: והלא כבר מפורשים [*2] הם, אלא בין טמאה לך לטהורה לך, בין נשחט חציו של קנה לנשחט רובו״.

דערנאָך שטעלט זיך רש״י אויף „ובין החי׳ הנאכלת״ און זאָגט [1]: „צריך לומר בין צבי לערוד והלא כבר מפורשים הם, אלא בין שנולדו בה סימני טריפה כשרה לנולדו בה סימני טריפה פסולה״.

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) אין בהמות וחיות טהורות (וועלכע מען מעג עסן) און אַזוי אויך אין בהמות וחיות טמאות (וועלכע זיינען „לא תאכל״), זיינען דאָך פאַראַן פיל מינים — אויסער חמור און פרה, צבי און ערוד. היינט פאַרוואָס זאָגט רש״י (אין דער ס״ד) אַז ד׳ער פסוק מיינט דוקא די פיר מינים? אמת טאַקע פרש״י דאָ — איז גענומען פון תורת כהנים אָפּן פסוק — אָבער, ווי שוין גערעדט פילע מאָל איז רש״י מעתיק פון פירושי חז״ל נאָר דאָס וואָס עס איז שייך צום פאַרשטיין פשוטו של מקרא און — בסגנון ו(שינוי) לשון וואָס איז שייך צו דעם [3].

ב) (אפילו אויב שוין יע דוקא די פיר מינים) פון וואַנעט איז געדרונגען אַז דער ערשטער האַלבער פסוק — „בין הטמא ובין הטהור״ — מיינט „בין חמור לפרה״, און דער צווייטער האַלבער פסוק — „בין החי׳ הנאכלת גו׳ ״ — מיינט „בין צבי לערוד״; וואָס פאַר אַ משמעות איז דאָ פאַראַן אַז „טמא״ און „טהור״ ריידן וועגן חמור און פרה, און „נאכלת״ און „לא תאכל״ באַדייטן צבי און ערוד?

ג) די זעלבע קשיא איז אויך אין רש״י׳ס מסקנא אַז דער ערשטער האַלבער פסוק רעדט וועגן „נשחט חציו של קנה כו׳ ״ און דער אַנדער האַלבער פסוק — וועגן „נולדו בה סימני טריפה כו׳ ״: וואו ליגט אין „בין הטמא גו׳ ״ אַז דערמיט ווערט געמיינט דער חילוק „בין נשחט חציו של קנה כו׳ ״, און וואו איז קענטיק אַז „בין החי׳ הנאכלת גו׳ ״ האָט

---

1) וכ״ה בתו״כ כאן.

2) בתו״כ שלפנינו* כאן: „בין פרה לחמור כו׳ בין שנשחט רובו של קנה לנשחט חציו״. ורש״י משנה מלשון התו״כ וכותב „בין חמור לפרה כו׳ בין נשחט חציו של קנה לנשחט רובו״** — „חמור״ ו„חציו״ לפני „פרה״ ו„רובו״ — כי בכתוב נאמר „בין הטמא (ואח״כ) ובין הטהור״.

*2) כן הוא בכ״מ שראיתי ברש״י תו״כ וכו׳ (ולא מופרשים). וראה לקמן סעיף ג׳ ובהערה 13.

*) בתו״כ שהי׳ לפני הרשב״א (הובא ברע״ב כאן): „בין פרה לחמור כו׳ בין נשחט חציו של קנה (ואח״כ) לנשחט רובו״.

**) כ״ה בכל דפוסי רש״י שלפנינו (כולל דפוס הראשון). וב„לשון רש״י״ שברמב״ן כאן: בין פרה לחמור כו׳ בין נשחט חציו כו׳ לנשחט רובו (ראה שוה״ג הקודם).

3) ראה הערה 2.